STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02668

UNDZER ANI MAYMEN

Itshok Koslovsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אונדזער אני מאמין

זאָל דער כח פון יידיש
ניט זיין גרינג אין אייערע אויגן

פון

יצחק קאָזלאָווסקי

אַרויסגעגעבן פון בני יידיש פאַרלאַג
ניויאָרק • 1968

פרייז: 75 סענט

אינהאַלט

1. אַריינפיר 5
2. וואָס יעדער ייד דאַרף פרעגן 10
3. די ישיבות 14
4. קולטור פּלוראַליזם 23
5. דער סך הכל 29

בני יידיש

אַריינפיר

דער צוועק פון דער איצטיקער שריפט איז אַ פּרואוו צו פאַרצייכענען און אויפקלערן, אין אַ באַגרענעצטער מאָס, די נייע ווירקלעכקייט אין וועלכער דאָס יידישע לעבן איז אַריינגעפּרעסט געוואָרן. מיר וועלן פּרובירן אָנווייזן, לויט אונדזער איבערצייגונג, אויף וועלכע יסודות עס דאַרף געבויט און געפירט ווערן דאָס היינטיקע יידישע לעבן, ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אויך אין אַלע תפוצות, ווייל עס איז אין ערגעץ ניט בעסער.

אַז די עקזיסטירנדיקע יידישע אינסטיטוציעס האָבן גאָרניט געטאָן צו באַגעגענען די נייע ווירקלעכקייט, וואָס די געשעענישן האָבן פאַר אונדז געשאַפן, איז ניט נויטיק צו באַווייזן. די אָפּגעלאָזנקייט איז נאָך ביי היינטיקן טאָג אַ פאַקט. עס ווערט גאָרניט באַפעסטיקט און גאָרניט אויפגעבויט. די אַסימילאַציע, מיט דער הילף פון די אַסימילאַנטישע מנהגים, שפּרייט זיך אויס און באַגעגנט ניט קיין שום ווידערשטאַנד מצד אונדזערע עפנטלעכע אָרגאַנען. עס באַפאַלט אַ פּחד ווען מען גיט אַ קלער וואָס מיר זיינען געוועזן און וואָס עס הויבט אָן פון אונדז צו ווערן.

מיר זיינען געוועזן בכוח אויסצוהאַלטן פאַרשידענע אומגליקן און פּורעניות. מיר האָבן באַוויזן צו פאַרהיטן און באַפעסטיקן אונדזער אַלטע קולטור־ירושה און צו שאַפן אַ נייע, אַ יידישע קולטור, וואָס האָט אונדז אויפגעהויבן צו אַ מדרגה וואָס איז קיינמאָל פריער ניט געוועזן, און צו דערשלאָגן זיך צו אַן אייגענער מדינה. איצטער קענען מיר זיך קוים האַלטן אויף אייגענע פיס.

דאָס יידישע לעבן אין אַלע תפוצות איז דעזאָרגאַניזירט, צעבראָכן. די יידישע דערציאונג פונ׳ם יונגן דור איז אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד. דער דערפאַלג פון די ישיבות איז אַן אויפגעבלאָזענער, ווייל די יידישקייט וואָס מ׳לערנט דאָרט מיט די תלמידים איז ניט מיט קיין יידישע מיטלען. אָן אידיש לשון איז נישטאָ קיין יידישער גייסט. גייען זיי מיט יענעם שטראָם פון וואַנעט דאָס לשון קומט. אַלע ריידן וועגן דעם און קיינער וויל ניט נעמען אויף זיך די התחייבות דאָס צו ענדערן.

מיר וועלן אין דער קורצער אַרבעט פּרובירן אויפקלערן די סיבות פון אונדזער איצטיקן מצב און אָנווייזן, לויט אונדזער איבערצייגונג, וואָס ער דאַרף געטאָן ווערן, אַז מיר זאָלן זיך אַרויסהייבן פון דער איצטיקער לאַגע. עס איז איצטער שוין כמעט זיכער וואוהין די שטראָמען ווערן געקירעוועט און מ׳קען שוין מיט זיכערקייט אָנווייזן אויף די הויפּט־כוחות, וואָס אינזשינירעווען מיט דעם.

מיר וועלן ניט ריידן מיט קיין רמזים. מיר וועלן זיך באַמיען אויפצוקלערן די געמיינזאַמקייט וואָס מדינת ישראל דאַרף האָבן מיט אַלע יישובים אין די תפוצות, אָן וועמען זי וועט זיך ניט קענען האַלטן ווי אַ פּאָליטישער יסוד. מיר וועלן זיך באַמיען אין דער קורצער אַרבעט אויפצוקלערן די כנענישע אינטעלעקטן פון דער „דזשוּאיש אינדזשענסי״, אַז די ביז איצטיקע הילף, וואָס מדינת ישראל געניסט, די פינאַנציעלע און די מאָראַלישע, קומט פון יידן וואָס די יידישע טראַדיציע האָט צוגעגרייט; אַז אָט די יידן שעפּן זיך אויס און די היינטיקע מנהיגים, מיט וועמען די ישראל אויטאָריטעטן האַליובן זיך, זיינען ניט פעאיק צו דערציען נאָך אַזעלכע יידן, ווייל זיי אַליין זיינען אָפּגעפרעמט פון יידישן צוזאַמענלעבן און אָפּגעריסן פון יידישן וואָרצל. זיי פּאַרדריסט וואָס זיי זיינען געבוירן געוואָרן יידן (ביי יידן) און זיי ווילן אַנטלויפן פון דעם, זיי קענען אָבער ניט, מאַסקירן זיי זיך.

מען נעמט אָן קריסטלעכע נעמען, דאָס קריסטלעכע לשון. אַלצדינג וואָס זיי טוען האָט אין זיך בלויז אַ נעגאַטיווע טענדענץ, וואָס פירט צו צעשטערונג. אפילו זייערע גייסטיקע פירערס, די ראַבאַיס, אַ חוץ קליינע אויסנאַמען, ליידן פון דעם זעלבער מחלה.

מיר ווילן באַצייטנס אָנזאָגן דעם לייענער, אַז ער זאָל זיך צוגרייטן צו הערן אין דעם איצטיקן שמועס געדאַנקען, וואָס ער האָט נאָך פריער ניט געהערט, ניט פון זיינע אַסימילאַנטישע מנהיגים אָדער אפילו מחנכים און זיכער ניט פון דער טעגלעכער יידישער פּרעסע, צו אונדזער ווייטיק און צו איר חרפּה!

מיר, בני יידיש, זיינען איבערצייגט, אַז ווען די יידישע פּרעסע וואָלט געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום היגן יידישן לעבן, אַנשטאָט ביטול, וואָלט עס צו דעם מצב ניט געקומען. די יידישע פּרעסע האָט אַ גרויסן חלק אין אונדזער איצטיקער ירידה.

מיר זיינען אָפּגעגאַנגען מיט בלוט אין אייראָפּע, וואָס עס איז נישטאָ

קיין גלייכן דערצו. איצטער גייט אָן אומגעשטערט אויף די לעבנגעבליבענע ישובים אַ שטילע, סיסטעמאַטישע אויסראָטונג, אַ פּאַגראָם אויפן יידישן לשון און יידישן קולטור־לעבן, אין די תפוצות, ביי אונדז אין די פאַראייניקטע שטאַטן איבערהויפּט; דאָס היגע יידישע לעבן ווערט גייסטיק אויסגעליידיקט פון טאָג צו טאָג, (דער זעלבער פּראָצעס גייט אויך אָן אין אַנדערע ישובים).

דאָס קען מען זען פון דעם שלום, וואָס די צוויי, פון אייביק אָן פאַרליבטע פריינד, האָבן צווישן זיך געשלאָסן: דער אַמאָליקער סאָציאַליסט־קאָסמאָפּאָליט און דער היינטיקער ציוניסט. (איר געדענקט די הייסע ליבע צווישן די צוויי)? מיר שטרייכן אונטער: דער היינטיקער ציוניסט, ווי זיי טוליען זיך איינער צום צווייטן. (נויט ברעכט אייזן), און מען באַגעגנט זיך אויף איין פּלאַטפאָרמע. עס האָט תמיד אַזוי באַדאַרפט צו זיין. אָבער איצטער איז דאָס אַ באַגעגעניש פון צוויי עקרות, וואָס ריידן פון צער גידול בנים.

מיר וואַקסן אריין אין אַ נייער תקופה אין יידישן לעבן אין אַלע לענדער, וואו יידן געפינען זיך עס שאַפן זיך נייע פּראָבלעמען, וואָס די אַלטע איינגעפונדעוועטע אינסטאַנצן זיינען ניט צוגעגרייט אויפצולייזן און זיי גרייטן זיך ניט צו דעם.

צום ערשטן מאָל האָט זיך געשאַפן אַ פאָלקס־־באַוועגונג מיט אַ נייעם פּשוט׳ן געדאַנק, אַ באַוועגונג, וואָס איר פּראָגראַם איז קלאָר און אָפן, וואָס רעדט אָן רמזים און פּראָקלאַמירט אַ קלאָרע לאָזונג:

— אַסימילאַנטן מכל המינים אַרויס פון דער יידישער גאַס!

בני יידיש איז אַ נייע דערשיינונג אויף דער יידישער גאַס. אַ באַוועגונג מיט אַ ברייטער און טיפער אידייע, וואָס דאַרף פאַראינטערעסירען יעדן יידן מיט אַ נאַציאָנאַל געפיל, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין אונדזער גייסטיקן וואוקס — נאַציאָנאַלע געבונדנקייט דורך אונדזער אייגענעם יידישן לשון צו אונדזער קולטור־היסטאָרישער ירושה.

בני יידיש וויל פאַרהיטן די צעטיילונג און אָפּגעפרעמדקייט פון איין ישוב צום צווייטן; פאַרהיטן פון אַן איבעררייס אין אונדזער געשיכטלעכן לעבנס־גאַנג. בני יידיש איז אַן אויסדרוק פון די באַדערפעענישן פון דער נייער צייט. עס פאַרשטייט זיך, אַז די היינטיקע מנהיגים נעמען אונדז ניט ערנסט, (עס זיינען דאָ צווישן זיי אויסנאַמען אויכעט) עס איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס.

צו טיף איז פאַרוואָרצלט אין זיי דער זעלבסט־האַס און צו קרום זיינען זייערע געדאַנקען אויף אויסצוגלייכן איינס און צוויי. אַוודאי, אויב די יידישע פרעסע וואָלט ניט געליטן פון אָפּגעלאָזנקייט און אונדז מיטגעהאָלפן, וואָלטן זיי זיך געמוזט פאַרטראַכטן און זיך צוהערן צו אונזערע רייד. דאָס מאַכט אונדזער אַרבעט אַ סך שווערער, דערפאַר איז אָבער זיסער יעדער שטיקעלע נצחון!

דאָ איז דאָס ריכטיקע אָרט צו דערמאָנען לשבח אַ חשוב׳ן יידן אונדזער באַליבטן נחום כאַנין זכרונו לברכה, ווייל אונדז, בני יידיש, פעלט ער שטאַרק אויס. מיר פילן די אבידה.

עס פאָדערט זיך אַ דערקלערונג פאַרוואָס מיר האָבן זיך באַנוצט מיט׳ן אויסדרוק: „אונדזער כאַנין״. דאָס איז ניט קיין צופעליקער אויסדרוק. (מיר האָבן די באַצייכענונג באַוואוסטזיניק אויסגעקליבן).

ביי די אומות העולם זיינען פאַראַן טיטולן: לאָרד, גראַף, באַראָן און ענלעכע. ביי אונדז יידן איז אַזעלכעס ניטאָ. מיר, בני יידיש, וועלן שאַפן אַ טיטול, וואָס זאָל דינען אויף להבא פאַר חשוב׳ע יידן. נחום כאַנין איז געווען איינער פון זיי.

מיר, בני יידיש, האָבן וואָגיקע סיבות אים צו רופן „אונדזער כאַנין״. ווייל ווען ער האָט געלעבט האָט ער פאַר אונדז געהאַלטן אָפן די טירן צו די יידישע צייטונגען. מיט זיין אַוועקפאַלן צום קראַנקן בעט האָבן מיר באַלד דערפילט דעם פאַרלוסט. לאָמיר האָפן, אַז די צייטונגען וועלן איינזעען די קרומקייט און וועלן דאָס אויסגלייכן טאַקע לטובת זיך אַליין.

מיר, בני יידיש, האָבן אָנגעהויבן אַ גרויסע זאַך, אַן אַלוועלטלעכע שפּראַך־נייעם געדאַנק. דער וועג איז נאָך ניט אויסגעפלאַסטערט, אָבער ער איז שוין אויסגעפלאַנירט און אָנגעצייכנט. ניט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן וועלן מיר אָנגיין מיט דער אַרבעט און זי אויסברייטערן. מיר וועלן אפשר מאַכן טעות׳ן, האָבן דורכפאַלן, אָבער מיר לערנען זיך, מיר קריגן דערפאַרונג און מיר זיינען זיכער, אַז מיר וועלן אויסקריסטאַליזירן אַ באַוועגונג וואָס די גאַנצע היינטיקע יידישע וועלט נייטיקט זיך אין איר.

בני יידיש האָט קיין שום ענלעכקייט ניט צו די עקזיסטירנדיקע יידישע באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס, היינט און אַמאָל. איידער מיר גייען אַריין אין ווייטערן שמועס לאָמיר פאַרענטפערן אַ קלאָץ־קשיה, וואָס מ׳שטעלט אונדז:

— צו וואָס אַ בני יידיש ווען עס איז דאָ אַ קולטור־קאָנגרעס?

מיר, בני יידיש, זיינען ניט געקומען קאָנקורירן מיט'ן קולטור־קאָנגרעס. פאַרקערט מיר האַלטן, אַז מיר דאַרפן אַ קולטור־קאָנגרעס. מיר קוקן אַרויף צום קולטור־קאָנגרעס און מיר דערוואַרטן די מאָראַלישע שטיצע פון אים. מיר זיינען פאַרן קולטור־קאָנגרעס, דאָס וואָס די ישיבות קטנות דאַרפן זיין פאַר די גרויסע ישיבות.

דאָס וואָס מיר טוען קען דער קולטור־קאָנגרעס ניט טאָן און דאָס וואָס דער קולטור־קאָנגרעס טוט דאַרפן מיר ניט טאָן. מיר זיינען אַ דערגאַנגצונג איינער פאַר'ן צווייטן.

מיר ווילן אויכעט אויפמערקזאַם מאַכן דעם לייענער, אַז ער זאָל זיך ניט לאָזן באַווירקן פון דעם, וואָס קרומע קעפּ וועלן אַריינטייטשן אין אונדזערע טענות צו מדינת ישראל, בייזוויליקע געדאַנקען וואָס עקזיסטירן ניט אין אונדזער באַנעם. זאָל דער לייענער דאָס גוט אין זינען האָבן ווען ער קענען פאַרשטיין און מיט שכל באַנעמען וואָס מיר ווילן.

מיר, בני יידיש, וועמענס ציל עס איז צו ווערן דער אָרגאַניזירטער באַוואוסטזיין אין די תפוצות, וועלן ניט אויסבאַהאַלטן דעם טראַגישן צושטאַנד אין וועלכן מיר געפינען זיך אין אַלע תפוצות אין דער נייער תקופה. די נייע תקופה פאַר אונדז איז די היסטאָרישע נאַציאָנאַלע געשעעניש, די געבורט פון מדינת ישראל.

מיר דער געבורט פון מדינת ישראל איז היינט צו טאָג פאַר אונדז אין די תפוצות אַ פּראָבלעם ניט נאָר וואָס מיר קענען טאָן פאַר מדינת ישראל, נאָר אויך וואָס וויל מדינת ישראל טוען מיט אונדז?

2

וואָס יעדער נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקער ייד דאַרף פרעגן

פאַרוואָס זיינען מיר צוגעקומען צו דעם איצטיקן מצב, גראָד איצטער ווען עס איז דאָ אַ מדינת ישראל? ס׳האָט דאָך באַדאַרפט זיין פאַרקערט, אַז מיט׳ן געבורט פון מדינת ישראל זאָל דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין אויפגעריכט ווערן, בפרט ביי דער יוגנט. מיר האָבן באַדאַרפט ווערן שטאַרקער און אינערלעך געפעסטיקטער. פאַרוואָס גייט אַלץ אַוועק אין דער פאַרקערטער ריכטונג?

דער ענטפער איז: די ישראל אויטאָריטעטן, דורכ׳ן אינסטרומענט פון דער יידישער אַגענטור, זוכן ניט צו מאַכן אונדז שטאַרקער און אונדז אויפריכטן. דערצו איז גורם די עבריתיזאציע־מאנקאָליע פון די תפוצות, וואָס די ישראל אויטאָריטעטן האָבן זיך אַריינגענומען אין זייערע קעפּ דורך אַ סיסטעם פון פאַרמיאוסן דעם יידיש־רײדנדיקן יידן אויסער מדינת ישראל; דורך איגנאָרירן און פאַרמיאוסן זיין יידיש לשון ביי דעם יונגן דור אין די תפוצות.

איר וועט ביי קיין שום באַוועגונג ניט טרעפן אַזאַ הערמעטישע אָפּגעשלאָסנקייט צווישן דעם יונגן און עלטערן דור, ווי עס איז ביי די היינטיקע ציוניסטישע אסיפות. דאָס איז ניט קיין צופאַל. עס איז נויטיק אָט די אָפּגעשלאָסנקייט, ווייל אויף די פאַרזאַמלונגען פון די עלטערע הערט מען נאָך אַ יידישע רעדע און דאָס טאָר דער יונגער דור ניט הערן. אָט דער איינשטעל צו אונדז האָט שוין געבראַכט קענטיקע סימנים פון שאָדן איבער גאָר דער וועלט. מען קען שוין באַלד ניט ריידן פון קיין איינהייטלעך יידיש פאָלק. עס ווילט זיך דאָ אויסשרייען בקול רם: — אַוואו איז זייער שכל? ווייסן זיי ניט, אַז פון אונדזער ירידה וועט זיי קיין גוטס ניט אַרויסקומען? זיינען היינט אין מדינת ישראל נישטאָ קיין ניכטערע קעפּ, וואָס זאָלן אויפקלערן און אָנווייזן, אַז ווען זיי וועלן דערפילן דעם שאָדן וועט זיין צו שפּעט?

לאָמיר דאָס אַנאַליזירן: מדינת ישראל איז מער ניט קיין חלום, זי איז אַ געאָגראַפישער יש. און ווי אַלע מלוכות האָט זי שונאים און פריינט. אָבער זי האָט מער שונאים ווי פריינט. און דערצו האָט זי אירע שונאים

ביי דער שוועל און זיי זיינען פערציק מאָל גרעסער פון איר. און די עטלעכע פּאַרעווע פריינט וואָס זי פאַרמאָגט איז נאָך אויכעט צווייפלהאַפט ווי אַזוי זיי וועלן האַנדלען אין אַ קריטישן מאָמענט. די איינציקע פריינד אויף וועמען ישראל קען זיך פאַרלאָזן — זיינען יידן פון די גרעסערע ישובים אין די תפוצות, ספּעציעל וואו זיי קענען האָבען אַ פּאָליטישן איינפלוס, בפרט פון דעם צפון אַמעריקאַנער ישוב, מחמת ער איז דער גרעסטער און קען ווערן דער איינפלוסרייכסטער.

מיר זיינען כמעט אַ זעקס מיליאָניקער ישוב און ווען אינטעליגענט דערצויגן און אָנגעפּירט קענען מיר זיין אַן אַנטשיידנדיקער כוח. פון די „אויך מיר יידן״, ווי מענדעלע באַצייכנט זיי, מיט וועמען די ישראל אַגענטורן קושן זיך אין די פּיסקלעך, וועט דאָס ניט קומען, פשוט דערפאַר וואָס מדינת ישראל איז ניט קיין באַשטאַנדטייל פון זייער גייסטיקן באַגאַזש. פונקט ווי דער דריי מיליאָניקער יידישער קיבוץ וואָס ווערט דערשטיקט אונטער די סאָוויעטן, באַאומרואיקט זיי ניט. דאָס איז ניט זייער שולד: פון לערנען יידישקייט איין טאָג אין וואָך אין אַ „סאַנדיי סקול״, אָדער נאָך עטלעכע שעה אַ וואָך, וואו מען האָט זיך אויסגעלערנט אַביסל טרוקענע עברי און מאַכן אַ בר־מצוה „ספּיטש״: — „טודעי איי עם עי דזשו״, קען מען ניט דערוואַרטן אַזעלכע זאַרגן. זייער יידישקייט איז אַן וואַרצלען. זיי פעלט די אינטימע באַקאַנטשאַפט מיט דער וואונדער־מעשה ווי אַזוי מיר זיינען געוואָרן יידן, אַ יידיש פאָלק.

זייער יידישן יחוס ציען זיי ניט פון באַרג סיני, נאָר פון קאַליפאָרניער סטאַדיום, וואו אַ לינק־האַנטיקער יידישער בחור האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס דער בעסטער „בעיז־באָל פּיטשער״. ווי איז צו אונדזער געלעכטער!

די יידישע אַגענטור האָט אין 1965 אויסגעגעבן אין אַמעריקע פערציק מיליאָן דאָלאַר אויף העברעאישער דערציאונג, אַ וואו זענען די רעזולטאַטן?

דער אמת איז, אַז די ישראל אַגענטורן מיט אירע שלוחים, וואָס זיי שיקן אַרויס אין די תפוצות, זיינען אירע ערגסטע שונאים, ווייל זינט די אַגענטורן מיט די שלוחים זיינען געוואָרן טעטיק אין די תפוצות האָט די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע דורכגעמאַכט אַזאַ מהלך, וואָס עס וואָלט איר גענומען יאָרן צוצוקומען צו דעם.

דאָס איז ניט קיין צופאַל. די סיבות פון דעם צושטאַנד שטאַמען

פון דעם ווי אַזוי די אַרבעט ווערט געטון, די כוונה און מיט וועמען די אַגענטורן און שליחים חברן זיך. אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פּונקט ווי אין אינדיווידועלן לעבן זיינען פאַראַן אייזערנע געזעצן: ווען איינער חברט זיך מיט פאַרדאַרבענע מענטשן, וועט ער זיך אויך אָנשטעקן מיר זייער פאַרדאָרבנקייט. אַט דער פּסיכאָלאָגישער געזעץ ווירקט זיך אויכעט אויס אויף רעגירונגען. די מאָסקווער הערשער האָבן זיך געחברט מיט די נאַציס זיינען זיי געוואָרן דאָס וואָס זיי זיינען איצט. דאָס וואָס זיי ברענגען ניט קיין יידן אין קרעמאַטאָריעס איז ניט קיין באַוויז, אַז זיי ווילן אונדז ניט אומברענגען. דאָס דערשטיקן די יידישע שולן און די בתי מדרשים מיט אַלע קולטור־אינסטיטוציע וועט שוין דערפירן צום געגאַרטן ציל.

דער אונטערשייד איז נאָר וואָס דאָרטן שטעלט ניט אַט די קרום קאַפּיקע אכזריות אין סכנה די מדינה. אָבער מדינת ישראל קען זיך מיט דער מאָסקווער פּאָזיציע ניט פאַרגלייכן. די באַדינגונגען זיינען דאָך קאָלאָסאַל אַנדערע. מ׳דאַרף ניט זיין קיין נביא כדי פאָראויסצוזען וואוהין אַזעלכע פירערס און געפירטע קענען פאַרקריכן.

דער נייער דור, אָדער דורות, וואָס ווערן דערצויגן אונטער דער השפּעה פון אַזעלכע פירערס, וועט ניט זיין דאָס וואָס די ישראל אויטאָריטעטן גלויבן, אַז זיי וועלן זיין. ניט אין אַזעלכע היימען וואַקסן אויס ווייצמאַנס, בן גוריונס, אָדער אפילו פאָלקס־חלוצים, וואָס זאָלן פאַרלאָזן זייערע באַקוועמע היימען און זיך אַוועקלאָזן אין אַ לאַנד, וואו מ׳האָט באַדאַרפט האַקן שטיינער, טריקענען זומפּן און זיין אין געפאַר צו שטאַרבן פון מאַלאַריע. היינט זיינען די באַדינגונגען אַ סך בעסער אין יעדער פּרט, פּאַרוואָס רירט זיך נישט די יוגנט פון אָרט? איז דאָס איר שולד? ניין! ווען מ׳וואָלט יענע דורות דערצויגן אויף שקר, ווען מ׳וואָלט יענע דורות דערצויגן אין חדרים און ישיבות מיט אַ גוי׳אישן לשון, ווי מ׳טוט עס היינט, וואָלטן זיי אויכעט אַוועק אויף אַנדערע וועגן.

לאָמיר, בכן, דאָס אַסימילאַציע־פּראָבלעם גוט צעגלידערן, אויב מיר ווילן, אַז אונדזער ארבעט זאָל אַרויסרופן דעם געהעריקן סטימול פאַר׳ן קאַמף קעגן אונדזערע פאַרשטעלטע שונאים.

מיר האָבן אין אָנהויב באַטאָנט, אַז מיר׳ן ניט ריידן מיט קיין רמזים. מיר באַצייכענען די אַסימילאַנטן ווי פאַרשטעלטע שונאים, ווייל די ברייטע פאָלקס־מאַסן זעען ניט אין זיי וואָס מיר, בני יידיש, זעען; און זיי באַטראַכטן זיי פאַר אייגן בלוט און פלייש (לאָמיר אייך אויסזאָגן אַ סוד אַז

אַט דעם בליק האָבן געוויסע קולטוריסטישע טוער אויך) אַט די בלינדקייט טאָרן מיר ניט אין אונדזער אַרבעט פון אויג אַרויסלאָזן.

דעם אָפענעם אַנטיסעמיט זעט יעדער און איטלעכער קען אים דערקענען. מיטן פאַרשטעלטן שונא־ישראל איז דאָס קאָמפּליצירטער. בעת דער אַנטיסעמיט פאַרפאָלגט אונדז, באַליידיקט אונדז ווי אַ פאָלק — טראַכט אויף אונדז אויס פאַרשיידענע בילבולים... טוט עס דער אַסימילאַטאָר אויף אַ פאַרשטעלטן, ראַפינירטן אופן. ער באַליידיקט אונדז ניט ווי אַ פאָלק, ער טראַכט ניט אויס קיין חסרונות אויף אונדז, ער זאָגט נאָר אַז אונדזער יידיש לשון איז מיאוס. און ער ווייסט ניט אַז מ׳ קען ניט אָפּטיילן איינס פונ׳ם צווייטן.

מיר און זיי זיינען צוויי באַזונדערע וועלטן און מיר זיינען עס תמיד געווען. עס איז געווען איינגעשטעלט אַ „קאָרדאָן סאַניטער" צווישן אונדז און זיי, ווייל מיר האָבן דעם אַמאָליקן יאַהודי, וואָס האָט זיך עוואָלוציאָנירט אין היינטיקן אַסימילאַנט תמיד באַטראַכט פאַר אַ האַלבן משומד, אַ באַוועגונג מיט אַ פילאָסאָפיע וואָס וועט פירן צום שמד. אַז דער געזונטער יידישער פאָלקס־אינסטינקט האָט אונדז ניט אָפּגענאַרט קען מען שוין איצטער קלאָר זען. היינט איז די מחיצה כמעט ווי אָפּגעשאַפט. דאָס באַווייזט ווי אָפּגעשוואַכט עס איז געוואָרן די יידישע וואַכזאַמקייט. דער עיקר מיט וואָס פאַר אַ גלייכגילט די יידישע אינסטיטוציעס נעמען דאָס אויף.

דער סך־הכל איז, אַז דער קולטורעלער ניוואָ און די נאַציאָנאַלע יידישע באַפעסטקייט איז גוואַלדיק געזונקען. דאָס איז ניט קיין מליצה, — אַ פראַזע כדי צו מאַכן אַן איינדרוק — מיר זיינען אויף אַ שייד וועג, טאַקע ווייל עס איז דאָ אַ ישראל מלוכה.

ווי, ווי, וואָס מער מען גראָבט אַלץ טיפער איז דער תהום! ווען עס איז געבוירן געוואָרן מדינת ישראל האָבן מיר אַלע געגלויבט, אַז איצטער וועט אונדזער המשך זיין געזיכערט. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז אַזוי האָט עס באַדאַרפט צו זיין, ווייל יעדער בר־דעת האָט געוואוסט, אַז ניט אַלע יידן וועלן זיך אַהין אַוועקלאָזן, און ניט די ישראל מדינה קען אונדז אַלעמען אַריינעמען. די גרויסע מערהייט וועט בלייבן אין די תפוצות. און טאַקע צוליב איר אייגענער זיכערקייט וועט זי זיין פאַראינטערעסירט אין אונדזער המשך. נו, ווער עס טראַכט היינט אַזוי דער לעבט אין אַ וועלט פון אילוזיעס, איבערטריבענע דערוואַרטונגען.

עס קלינגט ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער עס ווייזט אויס, אַז נאָר ביי אונדז יידן מיט אַזאַ דעמאָראַליזירטער פירערשאַפט קען זיך שאַפן אַזאַ פּאַראַדאָקסאַלע דערשיינונג.

מיר פרעגן מיט צער און דאָס דאַרף יעדער נאַציאָנאַל באַוואוסטזיניקער ייד פרעגן, די אַלטע טראַדיציאָנעלע פּאָלקס־פראַגע:

איז דאָס גוט פאַר יידן? און איז דאָס גוט פאַר מדינת ישראל?

אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן דערוואַכן צו דער געפאַר. זיי טאָרן זיך ניט אַרויסדרייען פון דער אחריות. די לערן־אַנשטאַלטן, די ישיבות קומען דאָ אויפן ערשטן אָרט.

3

די ישיבות

ביז איצט האָבן מיר אין קורצע שטריכן געפּרוּווט אָנווייזן אויף די צעשטערערישע כוחות, וואָס אַרבעטן מיט אַן אויסגערעכנטן, באַוואוסטזיניקן און פּלאַנירטן אופן וואָס שנעלער אַרויסצורייסן פון אונדזערע הענט אונדזער וויכטיקסטן לעבנס־אינסטרומענט, וואָס די תפוצות האָבן נאָך דערהאַלטן צו שיצן זיך קעגן דער אַסימילאַציע — דאָס יידישע לשון און די קולטור וואָס דאָס יידישע לשון האָט געשאַפן. מיר האָבן אויך אָנגעוויזן, אַז אויב מיר וועלן דאָס פאַרלירן וועט פון אונדז ווערן דאָס וואָס עס איז געוואָרן פון די אָריענטאַלישע יידן, אַריינגערעכנט די יאַהודים. מיר וועלן טיילן זייער שטאַנד אין דער יידישער וועלט.

מיטן אונטערגאַנגט פונם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, (דאָס סאָוועטישע יידנטום איז פון דער ווירקונג־ספערע אויסגעשלאָסן, צוליב קלאָרע סיבות) האָט זיך די לאַגע אינגאַנצן געענדערט. היינט איז דער אַמעריקאַנער יידישער סעקטאָר דער איינציגער, וואָס דאַרף שטרעבן צו באַנייען די גייסטיקע ווערטן פונם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, צוליב אַ סך טעמים: 1) ווייל ער איז היינט דער גרעסטער; 2) צוליב זיין וואוילשטאַנד, און אויבעט אַ דאַנקט דעם וואָס אַמעריקע איז היינט די שטאַרקסטע מדינה אין דער וועלט, איז ער במילא דער אָנגעזעענסטער.

די אויגן פון אַלע תפוצות זיינען געווענדט צו אונדז. און וואָס מיר טוען דאָ האָט אַ גרויסע השפּעה אויף די יידן פון אנדערע לענדער.

אין דער איצטיקער שעה, ווען מ׳גיט אַ קוק אויפן בילד פון אַמעריקאַנער יידנטום, באַפאַלט אַ שרעק מיט וואָס פאַר אַ רואיגקייט און פולשטענדיקער טעמפּקייט לגבי דער לאַגע און דער היסטאָרישער אויפגאַבע אונדזערע היגע מדריכים פון די פאַרשיידענע לערן־אַנשטאַלטן נעמען דאָס אויף. קיין שפּור פון אומרו פאַר דעם מאָרגנדיקן גורל; קיין שום סימן פון גייסטיקער זאָרג, קיין שום קולטור־דאגות.

מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ גרויס אומגליק, אַ שרעקלעכן חורבן, אַ טיפע וואונד, וואָס פאַרהיילט זיך ניט. די אַלע מנהיגים, דירעקטאָרן, פּרינציפּאַלן, מלמדים געדענקען דאָס אַלעס. אַוואו איז זייער צער און חשבון־הנפש? פאַרוואָס ווערן די תלמידים ניט אָנגעשטעקט מיט אָט דעם נאַציאָנאַלן גורל? פאַרוואָס פרעגן זיי נישט קיין קשיות ווי דער אַמאַליקער ישיבה׳ניק? פאַרוואָס זעט מען ניט קיין דיסקוסיע־קרייזלעך אַרום די ישיבות? פאַרוואָס איז זיי גאָרניט קשה? וואָס געפעלט זיי יאָ און וואָס געפעלט זיי ניט אין יידישן לעבן? און ווי אַזוי דאַרף דאָס היינטיקע יידישע לעבן אין דער נייער ווירקלעכקייט זיין איינגעאָרדנט?

אין אַמעריקע איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזאַ פאַרשפּרייטע נעץ פון ישיבות, ווי מיר האָבן עס היינט צו טאָג. (אַרום 300 ישיבות, כן ירבו) אַ חוץ די „סאָנדעי סקולס" און די וועלטלעכע יידישע שולן. אַ פּראַכטפול בילד אָנצוקוקן. פרעגט זיך אַ פראַגע: פאַרוואָס איז ביי אונדז אַזאַ ירידה? אַ וואו איז די השפּעה? וואָס לערנט מען מיט די תלמידים אין די ישיבות און וואָס פלאַנצט מען איין אין זיי? פאַרוואָס שטעקן די ישיבות ניט אָן די תלמידים מיט מורא פאַרן מאָרגנדיקן גורל? פאַרוואָס ווערן ניט די תלמידים פאַרפאַנצערט קעגן די שעדלעכע דרויסנדיקע איינפלוסן, ווי עס פלעגט פאַרפאַנצערן דאָס אייראָפּעאישע חדר און ישיבה? און ווער זיינען די מענטשן, וואָס שטייען ביים רודער פון דער דערציאונג פון נייעם דור? זעען זיי ניט די ירידה, וואָס מיר גייען דורך? פאַרוואָס איז זייער ווירקונג קעגן אונדז און ניט פאַר אונדז?

מ׳רעדט ביי אונדז און מען שרייבט און מען גיט אונדז אַריין אין נדן, אַז דער וואוקס פון די ישיבות נעמט זיך פון דעם וואָס אַמעריקאַנער יידן ווערן פרום. הלוואי וואָלט דאָס אמת געווען! אויב די אַמעריקאַנער יידן וואָלטן געוואָרען פרום וואָלטן דאָך, אויפגעקומען ישיבות איבערן גאַנצן

לאַנד, וואו נאָר עס געפינען זיך קאָמפּאַקטע ייִדישע ישובים. איז דאָס אָבער ניט אַזוי.

די ישיבות זיינען אויפגעקומען נאָר אין די מזרח־טיילן פון לאַנד, צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, צוליב די אומרוען אין די דרום־שטאַטן, האָבן אַ סך פון דער נעגערישער באַפעלקערונג אַריינגעשטראָמט אין אונדזערע שטעט, וואו זיי פילן זיך פריי צוגלייך מיט אונדז. דער צווייטער פאַקטאָר איז וואָס אונדזער שטאָט איז פאַרפלייצט געוואָרן פון אַ געוויסן אימיגראַנט, וואָס קומט פון אַן אינדזל, וועלכער געהערט צו אַמעריקע, אָבער צוליב זייער אָפּגעשטאַנענקייט ווילן די עלטערן ניט שיקן זייערע קינדער אין די זעלבע שולן. דאָס טוען קריסטן און דאָס טוען די ייִדן. אוןביידע טוען דאָס ניט צוליב רעליגיעזע מאָטיוון.

ווילן מיר האָבן אַ באַגריף ווי טיף עס איז די רעליגיעזע השפּעה אויף די תלמידים, איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויף די קאַפּעלעך, וואָס די ישיבה׳ניקעס טראָגן אויף זייערע קעפּ. אַלץ הייסט אַ יאַרמולקע! מיר געדענקען אַ יאַרמולקע, וואָס האָט פאַרדעקט דעם גאַנצן קאָפּ, זעט, וואָס עס איז געבליבן פון דער אַמאָליקער ייִדישער יאַרמולקע! און וויפיל עס איז געבליבן פון דער אַמאָליקער יאַרמולקע אויפן קאָפּ — אַזוי פיל איז פאַראַנען רעליגיעזע ייִדישקייט און ייִדישער באַוואוסטזיין אין קאָפּ.

אָט וואָס עס ווערט געזאָגט אינעם אַלאַרם־רוף פונם „אינטער־ישיבה סטודענטן קאונסיל״:

„ליידער, ליידער פאַסירט דאָס אומגלויבלעכע. אַז די מערסטע תלמידים, וואָס ענדיקן זייער לערנען אין דער עלעמענטאַרער ישיבה, זעצן ניט פאָר וויטער זייער לערנען אין די ישיבה־הייסקולס, נאָר זיי גייען אַוועק לערנען אין די שטאָטישע היי־סקולס״; אָט די דאָזיגע לאַגע פאַראורזאַכט, אַז דאָס ביסל ייִדישקייט, וואָס די ישיבה־קינדער האָבן אין זיך איינגעזאַפּט אין דער ישיבה קטנה, ווערט גאַנץ שנעל אויסגעוועפּט און זיי גייען אינגאַנצן אַוועק פון דעם וועג פון תורה און מצוות״.

פאַרוואָס גייען זיי אַוועק? ווייל עס איז אַ דערציאונג אָן אַ ציל. עס איז אַ דערציאונג אָן אַ נאַציאָנאַלער אידייע. עס איז אַ דערציאונג, וואָס איז געבליבן פאַרגליווערט ערגעץ אין די הרי חושך פון מיטל־אַלטער, ווען רעליגיע איז געווען אַלמעכטיק, וואו זי האָט אָפּערירט אין אַ סביבה, וואָס איז געווען צו אונדז פיינדלעך, וואו די יוגנט האָט ניט געהאַט וואוהין צו אַנטלויפן

פון אונדז. היינט האָבן זיי יאָ וואוהין צו אַנטלויפן, און זיי לויפן טאַקע. פשוט דערפאַר ווייל זיי האָבן ניט מיט וואָס און פאַרוואָס זיך צו ראַנגלען קעגן די דרויסענדיקע איינפלוסן.

צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים האָבן מיר געפונען פאַר נויטיק זיך דורכצושמועסן וועגן דעם ענין מיט אייניקע אָנפירערס פון די ישיבות קטנות. פון די שמועסן האָבן מיר אויסגעפונען, אַז צווישן אונדז און זיי איז פאַראַנען אַ גוואַלדיקער אָפּגרונט. אין זייער שנאה צום יידישן לשון האָבן זיי פאַר זיך געשאַפן אייגענע באַזונדערע אינדזלען, וואָס זיינען פולשטענדיק אָפּגעזונדערט פון אונדז. זיי לייענען צייטונגען און זשורנאַלן, אָבער ניט קיין יידישע. זיי לייענען ביכער, אָבער ניט קיין יידישע.

עס איז צום שטוינען ווי זיי ווייסן וואָס פאַר אַ באַציאונג דער אַמאָליקער משכיל האָט געהאַט צו רעליגיע, אָבער זיי ווייסן לחלוטין ניט וואָס פאַר אַ באַציאונג דער היינט־וועלטלעכער נאַציאָנאַל באַוואוסטזיניקער ייד האָט צו רעליגיע. זיי איז אַבסאָלוט פרעמד וואָס ביי אונדז האָט זיך אָפּגעטאָן אין די לעצטע פופציק יאָר און וואָס עס קומט פאָר ביי אונדז איצטער.

פון וואַנעט זאָלן זיי דאָס וויסן, אַז אין זייער מויל קומט ניט אַריין קיין יידיש וואָרט? מען לייענט ניט קיין יידישע צייטונג, קיין יידישן זשורנאַל, שוין אָפּגערעדט פון אַ יידיש בוך, ממילא איז דאָס יידישע לשון אין זייער דערציאונג פון יידישן קינד פולשטענדיק באַזייטיקט.

אָט דעם טעות ווילן אונדזערע אַמעריקאַנער ישיבה־דירעקטאָרן ניט איינזען און דאָס טרייבט זיי צו אַנדערע טעותן. און עס ווערט אַ נעץ פון פלאָנטערנדיקע טעותן. דערפאַר איז די השפעה פון די היינטיקע ישיבות אַזאַ קלאָגעדיקע. אַזאַ מין לערנען ווי די היינטיקע אַמעריקאַנער ישיבות האָבן איינגעשטעלט, דאָס אויסשליסן יידיש פון דער רעליגיעזער דערציאונג, ברענגט אַריין חורבן, אָדער לכל הפחות פירט דערצו.

עס איז נאָך קיינמאָל ביי יידן ניט געווען אַזאַ טאַראַראַם מיט ישיבות, מיט „גראַונד ברייקינגס פאַר נייע טשאַפּטערס״, (אַ לשון אַזאַ ביי אונדזערע היינטיקע ישיבה־פּרעזידענטן), מיט בויען און צובויען נייע געביידעס, ווי עס איז איצטער.

אַ הימל שרייענדיקע נאַרעריי! ווען מען קוקט זיך גוט זעט מען, אַז אין דער טיף גייט אָן אַ גוואַלדיקער פּראָצעס פון יידישן אויפלייז ביים יונגן אַמעריקאַנער דור.

וועמענס שולד איז דאָס?

לאָמיר זיין גערעכט צו די אַמעריקאַנער יידישע קינדער. עס איז בשום אופן ניט זייער שולד. עס זיינען נישטאָ קיין שלעכטע קינדער ווי עס זיינען נישטאָ קיין שלעכטע יידן, אין ערשטן פאַל זיינען שולדיק די שלעכטע דערציער און אין צווייטן פאַל די שלעכטע מנהיגים.

מיר, בני יידיש, הויבן אויף אונדזער אָנווייז־פינגער און מיר זאָגן בקול רם, אַז די שולדיקע פאַר אונדזער היינטיקן מצב זיינען אונדזערע היינטיקע פירערס, די פרומע באַגלייך מיט די אסימילאַנטישע רעדל־פירערס, וואָס מאַרודעווען אין אונדזער היינטיקן יידישן לעבן. אויף זייערע שטערנס דאַרף מען אויסקריצן דעם קין צייכן...

דאָס וואָס דאָס מזרח־איראָפּעאישע יידנטום האָט זיך דערהויבן צו אַזאַ אויסשטראַלונג איז ניט געקומען ווי אַ נס מן השמים. מ׳האָט געהאָרעוועט דערויף: אין די חדרים, ישיבות און אין די היימען. אונדז האָט מען אין די ישיבות ניט געלערנט פיינט צו האָבן דאָס יידישע לשון, ווי מ׳טוט עס דאָ. (מיט זעלטענע אויסנאַמען, פאַרשטייט זיך)

דאָס היגע יידישע קינד דאַרף ניט וואַרטן ביז עס וועט אויסוואַקסן כדי צו ווערן באַקערט צו אַסימילאַציע. עס קריגט דאָס שוין אין זיין קינדהייט, אין קלאַס־צימער, גלייך פון חומש׳ל אַרויס. דערפאַר איז די דערציאונג פון די ישיבות אַזאַ דורכפאַל, ווייל עס טראָגט ניט קיין כאַראַקטער פון נאַציאָנאַלער דערציאונג; ווייל ביי די טאָן־געבערס פון די ישיבות הערשט די אַסימילאַנטישע מענטאַליטעט.

אונדזערע אַסימילאַנטישע מחנכים, ווי אַלע אַסימילאַנטן, איז פרעמד די גלאָררייכע געשיכטע וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט מיטן אויפקום פון יידישן לשון. זיי איז פרעמד דער ליכטיקער שכל, וואָס יידיש וועבט אַריין אינם יידישן פאָלקס־מענטשן.

אויף נאָך א מכה דאַרף מער אָנווייזן: אויף דער קלייזלדיקייט אין דער דערציאונג. יעדע פאַרטיי, אָדער רעליגיעזער פאַראיין האָט זיין פילאָסאָפיע אין דער דערציאונג. די איינציקע איינהייטלעכקייט וואָס הערשט יאָ ביי אונדזערע ישיבה־מחנכים איז — די שנאה צום יידישן לשון און צו דער יידישער קולטור. עס איז מערקווירדיק ווי אַזוי שנאה קען צונויפפירן צוויי ווילדע פרעמדע עקסטרעמען: די צאַרישע רוסישע גלחים, וואָס האָבן געהערשט איבער די „שקאָלעס" און די מחנכים וואָס באַהערשן די ישיבות.

יענע האָבן געפלאַנצט אין קריסטלעכן תלמיד האַס צו יידן און די היגע מחנכים פלאַנצן אינם יידישן תלמיד שנאה צום יידישן לשון, מיינענדיק, ווייזט אויס, אַז מ׳קען אָפּטיילן איינס פונם צווייטן. און זיי וואונדערן זיך פאַרוואָס די קינדער „אַנטלויפן פון אונדז באַלד ווען זיי פאַרענדיקן די עלעמענטאַרע ישיבה״.

פאַרוואָס זאָלן זיי ניט אַנטלויפן? וועלכע דערהויבענע פּרינציפּן טוט מען איינפלאַנצן (א חוץ שנאה צום יידישן לשון) אין די ישיבה קינדער, וואָס זאָל זיי אָפּהאַלטן ניט צו וועלן, אָדער ניט צו קענען, דערווייטערן זיך פון אונדז?

לאָמיר דעם פּאַראַלעל מיט די גלחים ציען ווייטער. אפשר וועט דאָס געבן אַ ברי אונדזערע מחנכים אין זייערע מוחות און זיי וועלן זיך פאַרטראַכטען וואָס זיי טוען.

אין דער צייט, ווען די גראָבקייט און קולטורלאָזיקייט פונם גלח, וואָס האָט זיך אויסגעווירקט אויף אונדזערע שכנים לגבי יידן, האָט אויף אונדזערע קינדער געווירקט פּאָזיטיוו: עס האָט ביי זיי אַרויסגערופן בעסערע און העכערע געפילן לגבי זייער שטאַם, מיט אַ חוש פאַר שוץ קעגן דרויסן — ברענגט די גראָבע קולטורלאָזע באַציאונג פון אונדזערע ישיבה מחנכים (אויסנאַמען זיינען נאַטירלעך דאָ. זיינען טאַקע יענע פון זיי מיט אונדז, בני יידיש) צום יידישן לשון און יידישער קולטור, נעגאַטיווע רעזולטאַטן: אַנשטאָט בעסערע און העכערע געפילן רופט זי אַרויס געפּאַלנקייט. (זיי זאָגן, אַז זיי זיינען שטאָלץ צו זיין יידן) אַנטלויף פון אונדז, אַנשטאָט באַהעפטן זיך מיט אונדז!

אייניקע ישיבות פּרובירן צו ראַטעווען די מערכה אין דער דערציאונג מיט אויסבייטן די לאַנד־שפּראַך אויף העברעאיש, און זיי זעען ניט איין, אַז היינט האָט העברעאיש גופא אַן אַסימילאַטאָרישע טענדענץ. עס האָט דאָס תמיד געהאַט, אָבער אַ מאָל איז דאָס געווען אין אַן אַנדער סביבה, וואָס איז געווען גוט באַפעסטיקט קעגן דעם.

לאָמיר דאָס אַנאַליזירן: העברעאיש איז צו אונדז ניט געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון אַן אייגענעם שאַפונגס־פּראָצעס, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט יידיש. דאָס העברעאישע לשון האָבן מיר איבערגענומען פון די שכנים צווישן וועלכע מיר האָבן דאַמאָלסט געלעבט, דאָס הייסט דורכן פּראָצעס פון אַסימילאַציע. אַ גאַר אַנדערשדיקער פּראָצעס איז פאַרגעקומען

מיט אונדזער ידיש לשון. ידיש לשון איז ניט קיין רעזולטאַט פון אַסימילאַציע, פאַרקערט, ידיש איז געשאַפן געוואָרן צו פאַרהיטן אונדז פון אויפלייזונג.

ידיש לשון איז געבוירן געוואָרן צוליב אַ פונקציע אויסצופירן אַ נאַציאָנאַלע שליחות, צו פאַרהיטן אונדז פון אונטערגאַנג. דאָס ידישע לשון איז געבוירן געוואָרן ווען מיר האָבן געלעבט צווישן גזלנים. מיר האָבן געמוזט האָבן אַן אייגן לשון כדי מיר זאָלן זיך קענען צוזאַמענריידן ווי אַזוי זיך צו באַשיצן קעגן אַ פיינטלעכער סביבה.

דאָס ידישע לשון איז אַ קאָלעקטיווע שאַפונג פונם גאַנצען פאָלק. מיר האָבן אין ידישן לשון באַדאַרפט אַריינלייגן אַן אַ שיעור חכמה, וואָס זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פון האַרמאַדעס און קאַנאָנען. ידיש האָט ניט באַדאַרפט צו מושטירן סאָלדאַטן צו באַשיצן זיך, ווי העברעאיש האָט עס געהאַט אַמאָל און ווי עברית האָט עס היינט. דערפון נעמט זיך דער גרויסער אויסאיידלונג־כוח, וואָס איז פאַרקערפּערט אין דער ידישער ליטעראַטור. אַ שטריך וועגן וועלכן די היינטיקע העברעאישע ליטעראַטור קען נאָך אפילו ניט חלומען.

אויך דאָס איז לגמרי ניט קיין צופאַל. דאָ האָבן געאַרבעט די נאַטור־געזעצן, וואָס רופן אַרויס די ספּעציעלע כוחות אין קאַמף פאַר דערהאַלטונג. העברעאיש האָט דעם קאַמף ניט דורכגעמאַכט, ווייל העברעאיש איז קיינמאָל ניט פאַרפאָלגט געוואָרן. העברעאיש איז תמיד געווען זיכער מיט זיך. א חוץ דעם איז זי תמיד געווען אויף דער זייט פון די פאַרפאָלגערס פון ידיש שוין דאַמאָלט און זי איז דאָס נאָך היינט. דאָס איז געווען צו איר שאָדן סיי דאַמאָלט סיי איצטער.

אַ גאַנץ אַנדערשדיקן געשיכטלעכן פּראָצעס האָט דורכגעמאַכט ידיש. אַחוץ דעם געזונטן יסוד, וואָס ידיש האָט באַקומען מיטן פאַרשפּרייטן די תורה צווישן פאַלק, האָט ידיש זיך געלייטערט אינם געראַנגל, ניט נאָר בנוגע ידן נאָר אויכעט זיך אליין. אָט דעם דאָזיקן דאָפּלטן קאַמף דאַרף נאָך אויכעט איצטער ידיש פירן פאַר דער דערהאַלטונג פון פאָלק מיט זיינע הויכע טראַדיציעס און פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ שעפעריש ידיש לעבן.

אונדזערע ישיבה־מחנכים דארפן זיך גוט באַדענקען וואָס זיי טוען און יואָס פאַר אַ דור ידן זיי דערציען, אַ דור וואָס וויל נאָר אַנטלויפן. זיי

דאַרפן זיך באַצייטנס פאַרטראַכטן און רעווידירן דעם פאַרעלטערטן איינשטעל אין דער דערציאונג פון היגן יידישן קינד; זיי דאַרפן זיך באַצייטנס באַפרייען פון דער איינרעדעניש, אז פון דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע וועט ליידן בלויז יידיש לשון אָבער ס׳וועט שאנעווען די רעליגיע.

מיר זעען שוין איצטער די רעזולטאַטן פון אַזאַ איינשטעל: די קינדער לויפן... איצטער לויפן זיי פון דער ישיבה קטנה צו דער רעגירונג סקול, שפּעטער וועלן זיי לויפן פונם בית המדרש צו דער רעפאָרם סינאַגאָגע. אויכעט דאָרט איז נאָך ניט די לעצטע סטאַנציע. מיר לעבן אין אַ פריי לאַנד און עס איז דאָ וואוהין צו לויפן.

אין פינצטערן מיטל־אַלטער האָבן מיר זיך ניט באַדאַרפט זאָרגן, אז אונדזערע קינדער וועלן פון אונדז אַנטלויפן. די שכנים צווישן וועלכע מיר האָבן דאַמאָלט געלעבט האָבן אונדז מיט אַזאַ שוץ באַזאָרגט. היינט, ווען מיר לעבן אין פרייע לענדער, איז די שוץ פאַרלוירן געגאַנגען. אין דער היינטיקער ווירקלעכקייט דאַרפן מיר די שוץ אַליין שאַפן.

יידיש איז די איינציקע פעסטונג פאַר דעם היגן יידישן קינד. דערצו איז דאָ איין מיטל — מ׳ דאַרף יידישן די ישיבות. עס דאַרף ווערן אַ כלל־גדול, אז אַלע לימודים זאָלן געלערנט ווערן אויף יידיש. אַן יידישן לשון וועט ווערן פון דער תורה וואָס עס ווערט פון די יידן וואָס הערן אויף צו ריידן יידיש.

מיר ציען דעם פאָדעם ווייטער: אונטער די נייע באַדינגונגען דאַרף מען אין דער דערציאונג אַריינברענגען עלעמענטן, וואָס זאָלן דאָס קינד עמאָציאָנעל באַווירקן צו וועלן זיין אַ ייד. עס דאַרף אינם קוריקולום פון די ישיבות אריינגענומען ווערן דער לימוד פון יידישער ליטעראַטור. מיט אמונה אַליין קען מען די היינטיקע יוגנט. וואָס לעבט אין אַ סעקולערער סביבה מיט היינטוועלטיקע אינטערעסן, ניט באַווירקן צו זיין צוגעבונדן צו יידישקייט אָן אַ נאַציאָנאַלער אידייע. די יידישע ליטעראטור וועט אים דאָס געבן.

די יידישע ליטעראַטור וועט דערגאַנצן און אויספילן ביים תלמיד דעם חלל, וואָס דער היגער רעליגיעזער לימוד לאָזט אויס. דורך דער יידישער ליטעראַטור וועלן זיי ווערן בני בית אין יידישן פאָלק. די יידישע ליטעראַטור איז אַ המשך פון דער רעליגיעזער. זי פאַרמאָגט די זעלבע געטריישאַפט צום פאָלק, וואָס די רעליגיעזע ליטעראַטור האָט געהאַט אײדער זי איז געוואָרן צעברעקלט אויף חברותות.

די סופרים פון דער יידישער ליטעראטור זיינען באַווירקט פון די זעלבע קוואַלן פון וואַנען אונדזערע גאונים, די באַגרינדערס פון דער יידישער רעליגיע, האָבן געשעפּט — זיי זיינען געשטאַנען ביים באַרג סיני באַגלייך מיט אונדזערע אבות. מיר אַלע, אייראָפּעאישע קינדער, זיינען געשטאַנען ביים באַרג סיני. נאָך מער: מיר זיינען אין די פּאַרוואָרפנסטע דערפער אין רוסלאַנד געווען אַ סך נענטער צום באַרג סיני, ווי עס איז אפילו דער סברא — כאָטש ער געפינט זיך פון באַרג סיני, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

קלאָרער דאַרף מען דאָס פאַרשטיין אזוי: איידער דער מזרח־אייראָפּעאישער יידישער אינטעליגענט האָט זיך גענומען צו וועלטלעכער בילדונג, האָט ער אַפריער געהאָט הינטער זיך אַ פונדאַמענטאַלע יידישע אויסבילדונג. באַוואוסטזיניק אָדער ניט, איז יענע דראַמע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביים באַרג סיני, אַריינגעוועבט געוואָרן אין זיינע שאַפונגען.

אויב דאָס יידישע קינד וועט דערצויגען ווערן אידיש, וועט ער לעייענען א יידיש בוך, וועט דאָס אים העלפן צו פאַרשטיין בעסער די תורה. אַלע דערציער דאַרפן דאס אַריינגעמען אין זייער באַוואוסטזיין, אז אין דער היינטיגערווירקלעכקייט איז דאָ אַ מח.

מיט אמונה אליין קען מען היינט ניט אויפהאַלטן קיין יידישקייט ווי אַ מאָל. ווייל אויב אמונה, וועלכע?

די יידישע רעליגיע איז היינט מער ניט מאָנאָליטיש ווי זי איז געווען אַ מאָל. צוליב דער אַסימילאַציע ליידט זי אויך פון צעריסנקייט. אין דער היינטיקער ווירקלעכקייט דאַרף די אמונה אליין האָבן אַן אויפהאַלטער. דער איינציקער יסוד, אויף וועלכן זי קען זיך שטיצן איז דאָס יידישע לשון.

און פונקט אַזוי ווי מען לערנט די קינדער אָפּצוהיטן מצוות היהודית, אַזוי דאַרף מען זיי לערנען אָפּצוהיטן מצוות הלשון יידיש. אונטער די היינטיקע אומשטענדן איז דאָס אַ קאַטעגאָרישע אימפּעראַטיוו. אין דער היינטיקער ווירקלעכקייט מיינט קיום היידיש — קיום העם און קיום התורה.

ובכן, רבותי ראשי ישיבות: „זאָל דער כוח פון יידישן לשון ניט זיין גרינג און אייערע אויגן.

4

קולטור־פלוראַליזם

אַט דעם געדאַנק דאַרף מען פאַרשפּרייטן צווישן די ליטעראַטן, צווישן פּראָפעסאָרן און אין די אוניווערזיטעטן צווישן דער שטודירענדיקער יוגנט. דאָס איז אַ פּרינציפּ ניט נאָר פאַר יידן, אויך פאַר אַלע עטנישע גרופּן אין אַלע מדינות, ניט צו פאַרנאַכלעסיקן זייער פאָלקס־פיזיאָנאָמיע, זייער לשון, זייער קולטור; די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון זייער שאַפן און דענקען. עס דאַרף ווערן אַ באַוועגונג. ווייל כל זמן עס זיינען דאָ פעלקער אויף דער וועלט, און דאָס וועט מסתמא אייביק זיין, וועלן מיר יידן, אויכעט מוזן זיין אַ פאָלק. אפילו ווען דער גרעסטער טייל זאָל זיך אַסימילירן — וועט נאָך אַלץ בלייבן אַ באַדייטנדיקער חלק, וואָס וועט זיך פון אונדז ניט וועלן אָפּרייסן, וואָס וועט קעמפן פאַר דעם וויטערדיקן קיום. דאָס וועט זיין דער אָפּקלייב, וואָס מיר האָבן תמיד געהאַט: די בעסטע זין און טעכטער פון יידישן פאָלק, וואָס דאַרפן ניט וואַרטן, אַז די המנ׳ס זאָלן אונדז צווינגען צו זיין יידן.

מיר לעבן אין אַ וואונדערבאַרן לאַנד. די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט און די היגע געזעצן זיינען ניט קעגן אַזאַ באַנעם. אדרבא, אונדזער רעגירונג איז צופרידן וואָס אירע בירגער ווייזן אַרויס ספּעציעלע קולטור אינטערעסן. אונדזער לאַנד, די פאַראייניקטע שטאַטן איז דאָס פּאַסיקסטע לאַנד צו ווייזן דער וועלט אַביישפּיל ווי אַזוי עטלעכע קולטורן קענען לעבן בשותפות, מחמת דאָ זיינען פאַרטראָטן כמעט אַלע פעלקער פון דער וועלט מיט אַלע זייערע רעליגיעס.

אויב מיר נעמען אָן פּלוראַליזם אין דער רעליגיע פאַרוואָס קענען מיר דאָס ניט אָנווענדן אויכעט אין דער קולטור? איך ווייס, אַז דאָס איז אַ געוואָגטער געדאַנק. אַ סך וועט דאָס זיין שווער צו באַנעמען, בפרט די וואָס זיינען „פּראוד טו בי א דזשו", אָבער זיי שעמען זיך מיט אַ יידישן נאָמען, זיי וועלן דאָס ניט וועלן באַנעמען. איך זע שוין פאַר זיך פינגער־דרייער, טייטשער און אַריינטייטשערס, אַז דאָס מיינט אָפּזונדערונג.

היינט צו טאָג וועט זיי קומען צו הילף דאָס וואָרט: „סעגרעגאַציע", זיך וועלן אָפּזונדערן, אָפּשליסן.

זיי וועלן קענען מיט אַ טאָן פון נצחון אויסשרייען זייער באַליבט

וואָרט: — גערטאָ! — איר ווילט, אַז מיר זאָלן זיך איינשליסן אין אַ געטאָ — און ענלעכע אויסגעדראָשענע פראַזן פון אַסימילאַנטישן לעקסיקאָן.

מיר וועלן זיי באַרואיקן און אויפקלערן, אַז דער באַגריף געטאָ קען דאָ ניט אָנגעווענדט ווערן, ווייל געטאָ איז אַ פּאָליטישער אַקט, אַ סיסטעם וואָס פאַרדאָרבענע רעגירונגען, באַהערשט פון דער קאַטוילישער קירכע, האָבן אין מיטל־אַלטער אָנגעווענדעט קעגן אַנדערש גלויביקע גרופן, הויפּזעכלעך קעגן יידן. מיט אונדזער באַנעם האָט דאָס ניט צו טאָן. קולטור־פלוראַליזם איז ניט קיין פּאָליטישער פּראָבלעם. עס טראָגט בלויז אַ קולטורעל שפּראַכלעכן פּרינציפּ.

דאָס איז אַ וועג, אָדער וועגן, ווי אַזוי זיך צו באַשיצן קעגן דרויסנדיקע איינפלוסן. קלאָרער מיינט עס: שוץ קעגן שפּראַכלעכער אַסימילאַציע, וואָס באַדראָט אונדזער המשך, ווי אַ שעפעריש פאָלק מיט אַן אייגענעם כאַראַקטער.

אין די פרייע לענדער, וואו יידן געפינען זיך האָבן מיר ניט קיין פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. מיר געניסן פון דעם אין דער פולער מאָס באַגלייך מיט אַלע בירגער פון לאַנד. און פונקט ווי מיר זיינען פּאָליטיש און עקאָנאָמיש אויסגעגלייכט דאַרפן מיר אויך האָבן נאַציאָנאַלע־קולטורעלע אויסגלייכונג. דאָס איז אַ נאַטירלעכער אויסדרוק פון פרייע מענטשן אין אַ פרייער געזעלשאַפט, להיפוך צו אַ טאָטאַליטאַרישער געזעלשאַפטלאכער אָרדענונג. (אגב אורחא, דאָ רעדט זיך ניט נאָר בנוגע יידן, נאָר וועגן אַלע עטנישע גרופן וואָס געפינען זיך אין לאַנד, אָדער אין לענדער).

היינטיקע פעלקער זיינען ניט מאָנאָליטיש ווי אַ מאָל. נאַציאָנאַליטעטן זיינען פאַראַן אומעטום. אונדזער לאַנד, די פאַראייניקטע שטאַטן, קען ווערן אַ קלאַסישער מוסטער פון אַ מולטי נאַציאָנאַליטעטן געזעלשאַפט.

אין אַלע פאָרטגעשריטענע לענדער גייען איצטער אָן באַוועגונגען אויפצוהאַלטן די נאַציאָנאַלע שפּראַכן און קולטורן. אויכעט ביי אונדז אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן די איידעלע עלעמענטן תמיד געוואָלט אַז די פעלקערשאַפטן, וואָס שטעלן צונויף די וואונדערלעכע פּאָעמע, וואָס הייסט: אַמעריקע, זאָלן שאַפן אין זייער אייגענעם לשון. יידן זיינען מסוגל צו ווייזן אַנדערע מינאָריטעטן ווי אַזוי צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלע קולטור פון אַן אייגענעם כאַראַקטער אין די ראַמען פון דער מלוכה וואו זיי וואוינען.

דאָס מיינט ניט, אַז מיר דאַרפן ניט לערנען די לאַנד־שפּראַך

אָדער זיין אָפּגעפרעמדט פון דער לאַנד־קולטור. עס דאַרף אויכעט באַטאָנט ווערן, אַז עס גייט ניט אין העכערקייט, אַז אונדזער קולטור איז העכער און אַנדערע זיינען נידעריקער. ניין, ניט דאָס איז דער מיין פון אונדזער באַנעם. דאָס מיינט נאָר, אַז עס דאַרף זיין אַ קולטור דרך־ארץ פונקט ווי עס איז דאָ אַ רעליגיעזער דרך־ארץ.

אין א אמתער דעמאָקראַטיע טאָר ניט זיין קיין פּריווילעגירטע, הערשנדיקע קולטור אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיין פּריוועלעגירטע, הערשנדיקע רעליגיע. דאָס דאַרף געטאָן ווערן באַלד אין די פאָלקס־שולן. די קינדער דאַרפן דערציוגען ווערן אין גייסט פון טאָלעראַנץ צו אַנדערע שפּראַכן און קולטורן.

מען דאַרף זיך אין דעם אויבן געזאָגטן גוט אַריינטראַכטן. און כדי דאָס טראַכטן זאָל אונדז צופירן צום געגאַרטן חשבון־הנפש דאַרפן מיר זיך קודם כל אַרויסשלאָגן פון אונדזערע מוחות דעם געדאַנק מיט וועלכן די אָפּטריניקע אַסימילאַנטן שפּייזן אונדז פון קינדווייז אָן, אַז עס איז אַ געזעץ מן השמים, אַז נאַציאָנאַלע מינדערהייטן מוזן פאַרשלונגען ווערן פון שטאַרקע הערשנדיקע קולטורן.

אמת, עס איז טאָקע ביז היינט אַזוי געווען, און עס איז נאָך אפילו היינט אַזוי ביי געוויסע מינאָריטעטן, אָבער נישט ביי יידן. מיר, יידן, האָבן באַוויזן, אַז עס מוז ניט זיין אַזוי אויב מען ליידט ניט פון קיין אָפּגעלאָזנקייט, בעסער געזאָגט פון געפאַלנקייט און קאָמפּלעקסן.

מיט רעליגיע איז ניט בעסער געווען. היינט איז דאָס אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז אין אַ פריי לאַנד זאָלן זיין עטלעכע רעליגיעס. פאַרוואָס קען דאָס ניט זיין אויכעט אויפן קולטור געביט?

זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען אַלע לענדער אויפגעטרייסלט געוואָרן ביזן גרונט. גרויסע און קליינע מלוכות זיינען געוואָרן אויסגעמישט און זיי האָבן פאַרלוירן זייער אַמאָליקן מאָנאָליטישן כאַראַקטער. אין אַלע מדינות גרויסע און קליינע געפינען זיך איצטער מינאָריטעטן, וואָס זיינען אין געפאַר פאַרשלינגען צו ווערן פון דער הערשנדיקער קולטור. ספּעציעל אין די טאָטאַליטאַרישע לענדער, דאַרף דער פּרינציפּ פון קולטור־פּלוראַליזם ווערן די פונדאַמענטאַלע אידייע צו נאַציאָנאַלער פרייהייט. דאָס איז דער גייסט פון דער נייער צייט און מיר, יידן, זיינען פון דעם ניט אויסגעשלאָסן.

דער אויפגעוואַכטער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין ביי דעם יידישן פאָלק,

אַ דאַנק דעם געבורט פון מדינת ישראל, טאָר ניט דערשטיקט ווערן פון עברית'יסטישער טאָטאַליטאַרישקייט.

מיר, בני יידיש, זיינען די פאָרלויפער פון אַ נייער יידישער אַנטוויקלונג און דעם אידעאַל פון די בני יידיש וועלן דאַרפן אויפנעמען אַלע פעלקער, כדי זיך צו באַשיצן קעגן אַלט־מאָדישן נאַציאָנאַלן שאָוויניזם.

מיר זיינען זיכער, אַז מיר וועלן געפינען אַ סך אידעלע מענטשן, ביי אַלע פעלקער, וואָס וועלן ווערן אונדזערע מיטקעמפערס.

אָט דער פּרינציפּ פון קולטור־פּלוראַליזם האָט אַ גרויסע באַדייטונג ניט נאָר פאַרן וועלט־יידנטום נאָר אויכעט פאַרן רוסישן יידנטום, פאַר די סאָוועטן וואָס זיי טוען צום רוסישן יידנטום... און עס איז ניט בעסער די מערכה אין מדינת ישראל בנוגע יידיש.

אַ מערקווירדיגע דערשיינונג: מאָסקווע און ירושלים. ביידע שרעקן זיך פאַרן יידישן לשון און ביידע ווילן עס דערשטיקן. מיר קענען פאַרשטיין פאַרוואָס די מאָסקווער סאַטראַפּן שרעקן זיך פאַרן יידישן לשון, ווייל אין יידישן לשון, ווי אין יעדן נאַציאָנאַלן לשון איז פאַראַנען פאָלקס־באַוואוסטזיין, אַ כח וואָס האַלט דאָס פאָלק צוזאַמען. און עס איז אין דעם אויך פאַראַן אַ קערן פון פרייהייט, אַן עלעמענט וואָס איז פאַר די מאָסקווער מושלים דאָס זעלבע וואָס אַ רויטער טוך איז פאַר אַ ווילדן אָקס.

וואָס האָט מדינת ישראל מורא פאַר א צוויי־שפּראַכיקן איינשטעל? פאַרוואָס נעמט זי זיך ניט אַראָפּ קיין ביישפּיל פון אַזעלכע מדינות ווי שווייצאַריע, בעלגיע, קאַנאַדע אויכעט קליינע מדינות. און עס שאַדט זיי, ניט צום געזונט.

דער ענין יידיש אין ישראל דאַרף באַטראַכט ווערן אין זיין ספּעציפישן מהות. ווייל יידיש אין ישראל איז אין דער ווירקלעכקייט מער ווי אַ שפּראַך־פּרינציפּ. יידיש אין מדינת ישראל פאַרקערפּערט אין זיך אַ אידעע, וואָס איז נייטיק פאַר די יידן צווישן די פעלקער און די תפוצות. און וואָס עס איז גוט פאַר די יידן אין די תפוצות איז אויך גוט פאַר מדינת ישראל.

לאָמיר אָט דעם בני יידיש אני מאמין ציען ווייטער צו זיין פולן פאַרנעם:

אין אַ פריי לאַנד טאָר ניט זיין קיין בכורה פאַר קולטור. אַזאַ איינשטעל איז דער היפוך פון היינטצייטיקן באַגריף פון פרייהייט.

אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד און איז דער אָנשפּאַר און די האָפענונג פון דער בעסערער מענטשהייט אין איצטיקן היסטאָרישן וועלט־געראַנגל מיט די טאָטאַליטאַרישע מלוכות. אין אַמעריקע וואוינען נאַציעס כמעט פון אַלע וועלט־טיילן. אונדזער דעמאָקראַטיע דאַרף ווערן אַ מוסטער־לאַנד ניט נאָר פאַר עקאָנאָמישן סטאַנדאַרד נאָר אויכעט פאַר קולטורעלע ווערטן, ווי אַ קאָנטראַסט צו די טאָטאַליטאַרישע מלוכות, וואו מינאָריטעטן ליידן, וואו מ׳זוכט זיי צו דערשטיקן, ספּעציעל יידן.

אונדזער לאַנד, אַמעריקע, דאַרף באַווייזן ווי אַזוי עטלעכע קולטורן קענען הויזן צוזאַמען און פירן צו דער באַרייכערונג פון דער לאַנד־קולטור.

און עס איז כדאי אנצואווייזן אויף נאָך אַ מעלה וואָס קולטור־פּלוראַליזם האָט פאַר דעמאָקראַטישע לענדער בכלל און פאַר אונדזער לאַנד בפרט.

אין די איצטיקע באַדינגונגען פון דער וועלט־פּאָליטיק, וואו מיר לעבן זייט ביי זייט מיט טאָטאַליטאַרישע מלוכות, מיט זייערע ספּעציעלע פּראָפּאַגאַנדע אַפּאַראַטן צו דיסקרעדיטירן און אונטערגראָבן אַמעריקעס פּרעסטיזש אין די אויגן פון דער וועלט — איז פון גרויס פּאָליטישער נוצלעכקייט און אידעאישער וויכטיקייט פאַר דער שוץ פון אונדזער לאַנד אַז די היגע געבוירענע קינדער זאָלן קענען אָנהאַלטן און ממשיך זיין די קאָנטאַקטן מיט די מענטשן און מיט די קרובים פון די לענדער פונוואַנעט זייערע עלטערן זענען געקומען.

אַלע דעמאָקראַטישע לענדער דאַרפן דאָס אין זינען האָבן אין דער הײַנטיקער פּאָליטישער ווירקלעכקייט.

ווען די קינדער פון די אימיגראַנטן וועלן זיך קענען צוזאַמענרעדן און דורך שרייבן מיט די קרובים פון זייערע עלטערנס לענדער קענען זיי ווערן אַ ריזיקע שוץ־אַרמיי אָפּצושלאָגן די שעדלעכע פּראָפּאַגאַנדע וואָס די טאָטאַליטאַריער פאַרשפּרייטן וועגן אונדזער לאַנד טאָג־איין טאָג־אויס.

אונדזער לאַנד, די פאַראייניקטע שטאַטן, שפּילט אַ גרויסע ראָלע אויף דער הײַנטיקער וועלט־אַרענע; און אַזוי לאַנג ווי סע וועלן זיין טאָטאַליטאַרישע מלוכות וועט זי אַ דאַנק איר ריזיקער מאַכט מוזן ווייטער שפּילן אָט די ראָלע. ווייל מיר זיינען די לעצטע האָפענונג פון דער פרייער וועלט איז עס אין די אינטערעסן און נוצלעכקייט פאַר איר פּאָזיציע אין דער הײַנטיקער און צוקונפטיקער וועלט־לאַגע צו דערמוטיקן אירע בילדונגס־

אינסטיטוציעס אַז קולטור־פּלוראַליזם זאָל ווערן אַן אָפיציעלער איינשטעל אין דער דערציאונג פון יונגן דור.

מיר יידן, אַ דאַנק אונדזער צעשפּרייטקייט איבער דער וועלט, קענען דינען פאַר אַ גוטן ביישפּיל ווי אַזוי איין ישוב קען משפּיע זיין אויף אַ צווייטן ווען מ׳קען זיך צוזאַמענרעדן און דורכשרייבן מיט אנדערע ישובים.

אין די הויכע פענצטער, צווישן די ערנסטע אינטעלעקטועלע אַמעריקאַנער קרייזן, האָט מען שוין לאַנג אָפּגעשאַצט דעם הויכן ווערט וואָס קולטור־פּלוראַליזם האָט פאַר דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון פאָלק. אין די אַקאַדעמישע הויכע פענצטער איז יידיש היינט זייער פּאָפּולער און חשוב. דאַרף מען אָט דעם צושטאַנד אינטענזיפיצירן און אויסשפּרייטן.

אָט דער געדאַנק דאַרף מען אַריינהאַמערן אין די מוחות פון אונדזערע אַסימילאַנטישע מנהיגים און דערציער. מיר ווייסן, אַז דאָס איז אַ — אַ„פּאָלג מיך אַ גאַנג״, איז דער ענטפער אַז מיר קענען אונדזערע מנהיגים. מיר ווייסן, אַז ניט אַלע זיינען אויסגעגאָסן פון איין פורעם. עס זיינען צווישן זיי אויכעט דאָ געדאַנקלעכע יחידים. איניקע זיינען שוין מיט אונדז, די אַנדערע וועלן צוקומען! וואָס שייך די טעמפּע — דאַרף מען האָבן אַ ביסל געדולד, ווייל זיי וועט עס ערשט געפעלן ווערן ווען די „דזשענטיילס״ וועלן דאָס אָננעמען. דאָס איז אַ ספּעציעלער קלאַס: דיפּלאָמירטע „ריסטאָקראַטן״ אין אַמעריקאַנער אָלרייטישן דזשודאיזם, וואָס נאָך איצטער מיינען זיי, אַז עס איז אַ יחוס ניט צו קענען יידיש רעדן.

אונדזערע ערנסטע פען־מענטשן טאָרן ניט מיד ווערן פּאָפּולער צו מאַכן אונדזער׳ געדאַנק צווישן די טאָג־טעגלעכע לייענער פון דער יידישער פּרעסע. זיי טאָרן ניט פאַרהוילן דעם אמת, אַז אויב מען וועט עס לאָזן גיין ווי עס גייט, שטייען מיר פּנים־אל־פּנים פאַר אַ סכנה פון אונדזער המשך. כאָטש מיר האָבן היינט אַ מדינת ישראל, וואַקסט די אַסימילאַציע ווי קיינמאָל פריער.

דאָס איז אַ באַוויז, אַז מדינת־ישראל קען אונדז ניט פאַרזיכערן מיט קיין יידישן פאָלקס־המשך. מיר דאַרפן זיך מיט דעם אַליין פאַרזאָרגן. אונדזער ערשטע ווענדונג דאַרף זיין צו די ישיבות. און כאָטש דער דערפאָלג פון די ישיבות איז אַן אָנגעבלאָזענער, קען מען אים דאָך פאַרוואַנדלען אין אַ דערפאָלג, ווען מען וועט פון דאָרטן אַרויסטרייבן דעם אַסימילאַטאָרישן גייסט פון דער דערציאונג (אַז מ׳קען זיין א ייד אָן יידישן לשון) דער אַנטי־יידיש איינשטעל אין דער דערציאונג פירט צו חורבן.

אָט דעם בני יידיש אני מאמין דאַרף מען פאַרשפּרייטן אין אַלע יידישע אינסטיטוציעס, דערציערישע און געזעלשאַפטלעכע, איידער עס ווערט צו שפּעט.

מיר, בני יידיש, זיינען אַ נייער רינג אין דער קייט אין דעם געשיכטלעכן גאַנג פון אונדזער גערעַנגל פאַר המשך ווי אַ קולטור פאָלק. מיר האָבן פאַרטראַכט אַן אידעע, וואָס זאָל פאַרבינדן דעם אַמאָל מיט דעם היינט, דעם דאָרטן — מדינת ישראל — מיט דעם דאָ, די תפוצות. עס דאַרף ווערן אַ טאָג־טעגלעכע פליכט פון די יידישע שריפטשטעלער אונדז צו העלפן אַרויסברענגען אונדזער באַנעם אין אַלע לענדער וואו זיי געפינען זיך און האָבן טריבונעס פון וואַנעט צו רעדן צו דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט.

5

דער סך הכל

דער יידישער יישוב אין אַמעריקע איז אין אַ קלעם. און ער ווייסט ניט ווי אזוי זיך פון אים אַרויסצורייסן. ער ווייסט ניט, ווייל ער האָט זיך קיינמאָל ניט געגרייט צו זעלבסשטענדיקער שעפערישער בויאונג. מיט פּופּציק יאָר צוריק האָבן מיר דאָס ניט געפילט, ווייל יעדע וואָך פלעגן די שיפן אַריינברענגען טויזנטער נייע אימיגראַנטן. וואָס האָבן אויסגעפילט דעם חלל. צו דעם דאַרפן מיר געדענקען, אַז דאָס זיינען געווען אימיגראַנטן וואָס זיינען געקומען פון דער טיפסטער יידישער גייסטיקייט — דאָס רוסישע יידנטום.

